**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/18/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנער האוקול אנאנסירט אָפּגרעיד צו ניו יארק סטעיט׳ס קרעדיט שאצונג דורך מוּדיי׳ס אינוועסטירער סערוויס**

***שאצונג אָפּגרעיד צייגט ׳גאר-פעאיגע פינאנציעלע פארוואלטונג׳ און פאראנטווארטליכער פינף-יעריגער פינאנציעלער פלאן***

***מוּדיי׳ס אינוועסטירער סערוויס אפדעיט ניו יארק סטעיט׳ס ארויסגעבער און פארשידענע ערליי אנדערע שאצונגען צו 1Aa פון 2Aa***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט געמאלדן די לעצטנסדיגע אפגרעיד פון פארשידענע ערליי קרעדיט שאצונגען פאר ניו יארק סטעיט דורך מוּדיי׳ס אינוועסטירער סערוויס, אריינגערעכנט דאס אפגרעיד׳ען ניו יארק׳ס ארויסגעבער שאצונג און שאצונגען אויף אלגעמיינע פארפליכטונג, פערזענליכע פארדינסטן שטייער איינקונפט און פארקויף-שטייער איינקונפט באָנדס, צו 1Aa פון 2Aa. אין ערקלערן דעם אָפּגרעיד, האט מוּדי׳ס אנגעוויזן אויף ניו יארק סטעיט׳ס ״גאר פעאיגע פינאנציעלע פארוואלטונג וואס האט רעזולטירט אין באלאנסירטע אדער באלד-באלאנסירטע בודזשעטן פאראויסגעזען פאר דער סטעיט׳ס פינף-יעריגער פינאנציעלער פלאן.״

״די דאזיגע אפגרעידס ווייזן די שטארקייט פון ניו יארק׳ס פינאנציעלע פארוואלטונג אזוי ווי מיר בויען זיך ווייטער איבער שטערקער ווי פריער,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״מוּדיי׳ס האט אנגעוויזן אויף ניו יארק׳ס ׳גאר פעאיגע פינאנציעלע פארוואלטונג׳, און דאס באשטעטיגט די ווערד פון מיין אדמיניסטראציע׳ס ערפאלג אין פארהאנדלען א פינאנציעל-אחריות׳דיגער בודזשעט וואס בויט אונזערע רעזערווס און רעדוצירט חובות. מיר וועלן פארזעצן ווייטער צו האלטן א נאענט אויג אויף די פינאנציעלע אומזיכערקייטן פון די קאָוויד פאנדעמיע, און ווייטער נעמען דרייסטע, אחריות׳דיגע טריט צו שאפן א ליכטיגערע צוקונפט פאר קומענדע ניו יארקער דורות.״

אין [א לעצטנסדיגן באריכט](#) שרייבט מוּדיי׳ס, ״אנערקענענדיג איר נויט פאר א פינאנציעלע באָפער צו אויסצוגלייכן די וואקלדיגקייט איינגעגלידערט אין די סטעיט׳ס עקאנאמישע און איינקונפט סטרוקטור, האט עס באשטימט עטליכע פון די אייגנטומען אויף פארברייטערטע רעזערווס, רעדוקציעס אין געוויסע עקזיסטירנדע חובות, ווי צ.ב.ש. אפגעשטופטע פענסיאן ביישטייערונגען, און ריזיקע רעדוקציע ... די שריטן צייגן אויף די ראלע פון שטארקע רעגירונגשאפט אין ברענגען דעם אפגרעיד.״

גאווערנער האוקול׳ס אדמיניסטראציע איז געווען ערפאלגרייך אין פארוואלטן א פרעצעדענטלאזע און קאמפליצירטע פינאנציעלע אטמאספערע אויף די שפירן פון דער קאָוויד פאנדעמיע.

אין אפריל 2020 האט דער איינגעפירטער בודזשעט פינאנציעלער פלאן פאראויסגעזען גרויסע אויסער-יאר בודזשעט שפאלטענעס מיט א דורכשניט פון 16.5 ביליאן דאלער יערליך. דער לעצטער פינאנציעלער

פלאן, ארויסגעגעבן אין יאנואר און געענדערט אין פעברואר, ווייזט נישט קיין שום בודזשעט שפאלטענעס אין סיי וועלכן יאר, אינאיינעם מיט כסדר שטייגנדע רעזערווס גרייכנדיג, דאס ערשטע מאל, 15 פראצענט פון סטעיט אפעראציע געלטער אין פינאנץ-יאר 2025 — א סטאנדארט ברייט אנגענומען ביי עקאנאמיסטן ווי נויטיג איבערצוקומען צוקונפטיגע אומפאראויסגעזעענע עמערדזשענסיס. הויפט רעזערווס הייבט זענען 2.7 מאל העכער ווי ווען דער פאנדעמיע האט זיך אנגעהויבן.

דער פינאנץ-יאר 2023 איינגעפירטער בודזשעט האלט אויס אלע הויפט רעזערוו דעפאזיטס רעקאמענדירט דורך גאווערנער האוקול אין איר פארגעשלאגענע עקזעקיוטיוו בודזשעט. סך הכל רעזערוו דעפאזיטס דורכאויס דעם פינאנציעלן פלאן צייט אפשניט (פינאנץ-יאר 2022 - פינאנץ-יאר 2025) וועלן זיין אין סה״כ 15.3 ביליאן דאלער.

דער סטעיט האט אויך פארוואלטעט דער פליס פון איינציג-מאל פעדעראלע געלטער אין א פינאנציעל אחריות׳דיגן שטייגער. אין צוגאב צו פאקוסירן אויסגאבן אויף איינציג-מאליגע אינוועסטירונגען, האט די האוקול אדמיניסטראציע באשטימט דאס באניץ פון 12.75 ביליאן דאלער אין ׳אַמעריקען רעסקיו פלען׳ הילף איבער פיר יאר אויף אויסצומיידן א פינאנציעלן נידערפאל.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418